# GELIBENE SHRIFEN

Published @ 2017 Trieste Publishing Pty Ltd

ISBN 9780649540143

Gelibene Shrifen by Ivan Sergeevich Turgenev & Leon Kobrin

Except for use in any review, the reproduction or utilisation of this work in whole or in part in any form by any electronic, mechanical or other means, now known or hereafter invented, including xerography, photocopying and recording, or in any information storage or retrieval system, is forbidden without the permission of the publisher, Trieste Publishing Pty Ltd, PO Box 1576 Collingwood, Victoria 3066 Australia.

All rights reserved.

Edited by Trieste Publishing Pty Ltd.
Cover @ 2017

This book is sold subject to the condition that it shall not, by way of trade or otherwise, be lent, re-sold, hired out, or otherwise circulated without the publisher's prior consent in any form or binding or cover other than that in which it is published and without a similar condition including this condition being imposed on the subsequent purchaser.

www.triestepublishing.com

IVAN SERGEEVICH TURGENEV & LEON KOBRIN

# GELIBENE SHRIFEN

Trieste

צוינגנע קאָמעדיע. און ער האָט אַזוי איינפאַך דורכגעלעבט די דאָזיגע צייט ! . . . איהר וועט מיר זאָגען, וואָס וואונדער איך זיך דאָ ? אייער קאַלאַסאָוו האָט זיך פערליעבט. דערנאָך האָט ער זי אויפגעהערט צו ליעבען און זי געוואָרפען . . . אַזוינע זאַכען האָט מיט יעדען פּאַסירט . . .

אמת. איך גיעב צו ; אָבער ווער פון אונז האָט אין דער ריכטיגער צייט זיך געקאָנט צושיידען מיט זיין פערגאַנגענהייט ? ווער. זאָגט אדרבה, האָט ניט מורא פאַר פאָרווירפען, ניט דוקא פאַר פאָרווירפען פון א פרוי . . . נור פאַר די פאָרווירפען פון דעם ערשטען בעסטען נאַר ? . . . ווער פון אונז איז אימשטאַנד בייצוקומען דער קליינליכער אוינענבליק — די ק ל י י נ צ י ג ע ג ו ט ע ג ע פ י ה ל ע ן : דעם מיטלייד און חרטה . . . אח, מיינע העררן ! דער מענש, וועלכער צושיידט זיך מיט א פרוי, וועלכע ער האָט אַמאָל געליעבט, אין יענעם ביטערען און שווערען מאָמענט, בעת ער דערפיהלט, אַז זיין האַרץ איז ניט אין גאַנצען פערנומען מיט איהר, — יענער מענש, גלויבט מיר, פערשטעהט טיעפער און בעסער די היילינקייט פון ליעבע, ווי די שוואַכינקע מענשעלאַך, וועלכע פאַר שוואַכקייט און לאַנגווייליגקייט זעצען פאָרט צו שפּיעלען אויף די האַלב צוריסענע סטרונעס פון זייערע סענטימענטאַלע הערצער ! אין אנפאַנג פון מיין ערצעהלונג האָב איך אייך געזאָגט, אַז מיר אַלע האָבען געקוקט אויף קאַלאַסאָוו'ן, ווי אויף אַן אונגעוועהנליכען מענשען. אויב א קלאָרער, איינפאַכער בליק אויף'ן לעבען, אויב קלאָרע רייד אָהן שום פראַזען ביי א יונגען מענשען קאָן מען אָנרופען אַן אונגעוועהנליכע זאַך, האָט קאַלאַסאָוו פערדיענט מען זאָל איהם אַזוי רופען . . . אין א געוויסען אַלטער צו זיין נאַטירליך — הייסט צו זיין אונגעוועהנליך . . .

שוין צייט אָבער צו ענדיגען. איך דאַנק אייך פאַר אייער אויפמערקזאַמקייט . . . יאָ, איך האָב נאָך פערגעסען אייך צו דערצעהלען, אַז אין א פּאָאַר חדשים אַרום נאָך מיין לעצטען בעזוך, האָב איך אָנגעטראָפען דעם אַלטען סידאָרענקאָ'ן. פערשטעהט זיך, אַז איך האָב זיך נעסטאַרעט פערביינעהן איהם אונבעמערקטערהייט. דאָך אָבער האָב איך דערהערט הינטער זיך זיינע ווערטער, אַרויסגערעדט מיט פערדרוס :

— זיינען דאָך דאָ אַזוינע באַנדיטען אויף דער וועלט !

— און וואָס איז געוואָרען מיט וואַריאַ'ן ? — האָט זיך עמיצער אָנגערופען.

— איך וויים ניט. — האָט דער ערצעהלער געענטפערט.

מיר אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען זיך צוגאַנגען.

איך האָב ביי זיך אַ טראַכט געטהאָן : „עפּעס האָט איהר מיר קיין צייט נים, וואַריאַ ! . . .“

— נאָך ניט — האָב איך געענטפערט גאַנץ קאַלט. — אָבער איך וועל ריידען.

בכלל, בין איך זיך מיט איהר בעגאַנגען ניט גאַנץ ערעל.

מיט סידאָרענקאָ׳ן האָב איך ניט גערעדט. נור ביים זעגענען זיך האָב איך פיעלדייטיג איהם די האַנד געדריקט און געזאָגט, אַז איך דאַרף מיט איהם וועגען עפּעס ריידען.

— אַדיע ! — האָב איך געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו וואַריאַ׳ן.

— אויף ווידערזעהן — האָט זי געזאָגט.

איך וועל אייך לאַנג ניט מאַרטערען, מיינע הערען ; איך האָב מורא פאַר אייער געדולד . . . וואַריאַ׳ן האָב איך מעהר ניט געזעהן, צו סידאָרענקאָ׳ן בין איך מעהר ניט געגאַנגען. אמת, די ערשטע טעג פון מיין פרייוויליגער צושיידונג זיינען ניט אַוועק אָהן טרערען, פאַר־ווירפען און אויפרעגונג ; איך האָב זיך אַליין דערשראָקען פאַר דעם, ווי גיך מיין ליעבע האָט פערוועלקט ; אַמאָל צוואַנציג האָב איך זיך געקליבען צו פאָהרען צו איהר. פאַרגעשטעלט זיך איהר איבערראַשונג, איהרע ליידען, איהר בעליידיגונג, אָבער איך בין ניט געפאָהרען. אונטער די אויגען האָב איך ביי איהר געבעטען אום פערגעבונג, גע־שטעלט זיך פאַר איהר אויף די קניע, גערעדט צו איהר וועגען מיין גרויסער חרטה — און עפּעס איינמאָל, טרעפענדיג אויף דער גאַס אַ מיידעל, וואָס איז אַביסעלע עהנליך געווען צו איהר, האָב איך זיך געלאָזט לויפען. מורא געהאַט אומצוקוקען זיך און בין ערשט געקומען צו זיך אין אַ קאַנדיטערייַ, וואו איך האָב זיך מכבד געווען מיט לעֿ־קעכלאַך.

דאָס וואָרט „מאָרגען“ איז אויסגעקלעהרט פאַר מענשען מיט שוואַ־כע כאַראַקטערס און פאַר קינדער ; ווי אַ קינד האָב איך זיך בערוהיגט מיט דעם דאָזיגען צויבער־וואָרט. —מאָרגען וועל איך אונבעדינגט געהן צו איהר — האָב איך צו זיך גערעדט און האָב אויסגעצייכענט געגעסען און געשלאָפען היינט . . . איך האָב אָנגעפאַנגען צו טראַכטען מעהר וועגען קאַלאַסאָוו׳ן, ווי וועגען וואַריאַ׳ן . . . אומעדום און נאָכאַנאַנד האָב איך פאַר זיך געזעהן זיין אָפענעם, דרייסטען, זאָרגלאָזען פּנים. איך האָב אָנגעהויבען ווידער צוגעהן צו איהם. אָבער ווי טיעף איך האָב געפיהלט דעם אונטערשיעד צווישען מיר און איהם ! ווי לעבער־ליך עס האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזען מיינע האַנדלונגען, מיין טרויעריגע פערטראַכטקייט אין דער צייט, ווען קאַלאַסאָוו איז נאָך געגאַנגען צו וואַריאַ׳ן, מיין גרויסמוטהיגע ענטשלאָסענהייט צונויפ־ברענגען זיי ווידער, מיינע ערוואַרטונגען, מיין בעגייסטערונג, מיין חרטה ! . . . איך האָב געשפּיעלט אַ שלעכטע, שרייענדיגע און צו־

אַ מאָדנע זאַך איז דער שלאָף! ניט נור ער פרישט אָפּ דעם קערפער, נור אין אַ געוויסען זין פרישט ער אָפּ אויך די נשמה, ברענגט זי צו דעם צושטאַנד פון פרימיטיווער איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט. אין פערלויף פון א טאָג איז אייך געלונגען דורכצודרינגען זיך מיט פאַלשקייט, מיט פאַלשע געדאַנקען ... דער שלאָף מיט זיין קאַלטער כוואַליע וואַשט אָפּ די ראָזיגע אַלע קליינליכע נארישקייטען, און אויפגעכאַפּט זיך, זייט איהר, לכל הפחות, אויף עטליכע רגע'ס אימשטאַנד צו פערשטעהן און צו ליעב האָבען די וואהרהייט.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און, ארומטראַכטענדיג די פּאַסירונגען פון נעכטען, האָב איך דערפיהלט אַ געוויסע אומבעקוועמליכקייט . . . איך האָב זיך עפּעס ווי פערשעהמט פאַר אַלע מיינע נעכטינע האַנדלונגען . . . איך האָב אונרוהיג גענומען טראַכטען וועגען דעם היינטינען בעזוך מיינעם און וועגען די אונטעררעדונג מיט סידאַרענקאַ'ן . . .

— וואָס האָב איך זיך אַזוי געאיילט? — האָב איך זיך געמוטשעט . . .

שפּעטער אַ ווײַלע האָב איך זיך ווידער גענומען איינריידען, אַז איך בין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

איך בין אוועקגעפאָהרען צו סידאַרענקאַ'ן. ער האָט מיך אויפגענומען מיט פרייד; האָט געוואָלט אַוועקגעהן צו זיינעם אַ שכן, אָבער איך אַליין האָב איהם אָפּגעהאַלטען. איך האָב מורא געהאַט צו פערבלייבען אַליין מיט וואַריאַ'ן.

— דער ראָזינער אָבענד איז פאַראיבער פרעהליך, אָבער אָהן פערגעניגען. וואַריאַ איז געוועזן ניט אַהער און ניט אַהין, ניט פרעהליך און ניט אונמוטהיג, ניט שעהן און ניט מיאוס.

איך האָב געקוקט אויף איהר, ווי די פילאָזאָפען וואָלטען זיך אויסגעדריקט, מיט אַן אָביעקטיווען אויג. דאָס הייסט, ווי אַ זאַטער קוקט אויף שפּייז. איך האָב אויסגעפונען, אַז די הענד איהרע זיינען אַביסעל צו רויט. אגב, צייטענווייז האָט זיך דאָס בלוט אין מיר אָנגעצונדען און איך, קוקענדיג אויף איהר, האָב זיך איבערגעגעבען אַנדערע טרוימען און געדאַנקען . . . ווי לאַנג ערשט האָב איך איהר דעם פּאָרשלאַג געמאַכט און שוין האָב איך געפיהלט, אַז מיר לעבען מיט איהר אין פאַמיליען־לעבען ... אַז אונזערע נשמות זיינען פעראייניגט אין איין „הערליכען" איינס, געהערען איינער צום אַנדערען און, פאָלגליך, זוכען זיך יעדער פון אונז אַ בעזונדערן וועג פאַר זיך . . .

— האָט איהר שוין גערעדט מיט פּאַפּאַ? — האָט זיך אָנגערופען וואַריאַ, בעת מיר זיינען געבליבען אַליין.

די ראָזינע פראַגע איז מיר שטאַרק ניט געפעהלען געוואָרען . . .

סידאָרענקא איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר, האָט געלאַכט, געריבען זיך דעם בויך, געוויצעלט זיך אויף מאַטרענא סעמיאָנאָוונאַ'ס אדרעס און א. וו. איך האָב אפריהער געוואָלט גלייך בעטען זיין „זעגען", האָב אָבער זיך מישב געווען און עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגען. זיינע אומגעלומפּערטע וויצען האָבען מיר דערעסען; אגב האָב איך זיך געפיהלט אַביסעלע מיער . . . איך האָב זיך געזעגענט מיט איהם און אַוועקגעפאָהרען.

איך געהער צו יענעם סאָרט מענשען, וועלכע ליעבען צו גריבלען זיך אין זייערע אייגענע געפיהלען, הגם איך אליין קען ניט פערטראָגען אזוינע מענשען. דעריבער נאָך דעם ערשטען אויסברוך פון פרייד, האָב איך גלייך זיך גענומען גריבלען אין זיך. אָפּגעפאָהרען ביי א האלב וויארסט פון סידאָרענקא'ס הויז האָב איך פאר צופיעל בעגייסטערונג א וואָרף געטהאָן די הוט אין דער־הויך און אויסגעשריען: „הורא!" אָבער ביז וואנען איך בין געקומען אהיים, האָבען מיינע געדאנקען ביסלעכווייז אָנגענומען אנאנדערע ריכטונג . . . איך האָב זיך דערמאַנט אָן מיין שמועס מיט סידאָרענקא'ן וועגען חתונה האָבען בכלל, האָב זיך דערמאַנט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט וועגען חתונה מאַכען זיין טאָכטער . . . און ניט ווילענדיג האָב איך א טראַכט געטהאָן: „ווי ער האָט זיך עס פערשטעלט, דער אלטער גנב!!! אמת, איך האָב טאַקי צו זיך גע'טענה'ט: אָבער פונדעסטוועגען איז „וואַריא מיינע! מיינע! . . ." אָבער, ערשטענס, דאָס דאָזיגע „פונדעסטוועגען" — אוי, דאָס „פונדעסטוועגען!" — און, צווייטענס, די ווערטער „וואַריא איז מיינע" האָבען ביי מיר ניט ארויסגערופען קיין טיעפע בערוישענדיגע פרייד, נור א גאַנץ געוועהנליכע, זעלבסטצופריעדענע התפעלות . . . ווען וואַריא וואָלט מיר אָפּגעזאָגט וואָלט איך אויפגעפלאַמט מיט ווילדער ליידענשאַפט; אָבער, בעקומענדיג איהר איינווילליגונג, האָב איך געפיהלט ווי א מענש, וואָס האָט געזאָגט צו זיין גאַסט: „זייט ווי ביי זיך אין דער־היים", און דער גאַסט הייבט טאַקי אָן זיך אויפצופיהרען אין יענעמס הויז ווי ביי זיך אין דער־היים . . .

— אויב זי האָט געליעבט קאָלאַסאָוו'ן — האָב איך ביי זיך געטראַכט — ווי אזוי האָט זי אזוי שנעל איינגעווילליגט? קאָנטיג, אַז זי איז צופריעדען מיט אבי וועמען חתונה צו האָבען, אבי חתונה צו האָבען . . . אָבער וואָס האָארט עס מיך? אבי זי איז מיינע! . . .

אָט מיט וועלכע דונקעלע און מאָדנע געפיהלען איך בין דאָן געקומען צו זיך אויף'ן קוואַרטיר.

דעם גאַנצען טאָג יענעם בין איך געווען נערוועז־פּרעהליך, האָב גערעדט צו זיך אליין, אַז איך בין גאָר אזא גליק ניט ווערטה, אָבער אויף מאָרגען . . .

האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן . . . איך האָב גענומען קוקען אין
פענסטער, איך האָב זיך אין גאַנצען געצאַפּעלט, ווי אַ בלאַט. וואַריאַ
האָט געשוויגען . . . צולעצט האָב איך צונויפגענומען מיין מוטה, צו־
גענאַנגען צו איהר און איינגעבויגט דעם קאָפּ . . .

— וואָס וועט איהר מיר זאָגען ? — האָב איך קוים ארויסגערעדט.

זי האָט זיך אָפּגעקעהרט, אויף איהרע אויגען־לעדלאַך האָבען טרע־
רען געבלישצעט.

— איך זעה — האָב איך גערעדט ווייטער — אַז איך האָב ניט וואָס
צו האָפען.

וואַריאַ האָט פערשעהמט זיך אומגעקוקט און שווייגענדיג מיר
דערלאַנגט אַ האַנד.

— וואַריאַ ! — האָב איך אויסגעשריען און באַלד אנשוויגען גע־
וואָרען, אַקוראַט ווי איך וואָלט זיך דערשראָקען פאַר מיינע אייגענע
האָפנונגען.

— רעדט איבער מיט פּאַפּאַ — האָט זי צולעצט ארויסגערעדט.

— איהר ערלויבט עס מיר ? — האָב איך אויסגעשריען.

— יאַ־אַ.

— איך האָב זיך אַ כאַפּ געטהאָן קושען איהרע הענד.

— נו, נענוג ! גענוג ! — האָט זי ארויסגעשעפּצעט און זיך פלו־
צים צו־וויינט.

איך האָב זיך צוגעזעצט צו איהר, איינגערעדט זי, אָפּגעווישט איהר
די טרערען . . ..

צום גליק, איז דאַן סידאָרענקאַ אין דער־היים ניט געוועז. איך
האָב זיך געשוואָרען וואַריאַ׳ן אין אייביגער ליעבע, אין אייביגער טריי־
הייט . . .

— יאַ — האָט זי געזאָגט, ווישענדיג נאָכאַנאַנד די טרערען פון
די אויגען : — איך וויים, אַז איהר זייט אַ וואוילער מענש, אַן עהר־
ליכער מענש, איהר זייט ניט אַזאַ ווי קאָלאָסאָוו . . .

— ווידער זיין נאָמען ! . . . — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן.
אָבער מיט וואָס פאַר אַ פערגעניגען האָב איך געקושט איהרע וואַ־
רעמע, ווייכמע הענטעלאַך ! מיט וואָס פאַר אַ שטילער פרייד האָב
איך געקוקט אין איהר ליעב פּנים׳ל ! . . . איך האָב צו איהר גערעדט
ווענען אונזער צוקונפט, בין ארומגעלאָפען איבער׳ן צימער, געזעצט
זיך נעגען איהר אויף דער פּאָדלאָגע, פערדעקט די אויגען מיט אַ האַנד
און אויפגעציטערט . . .

סידאָרענקאָ׳ס שווערע טריט האָבען אונטערבראָכען אונזער גע־
שפּרעך. וואַריאַ האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ כאַפּ געטהאָן פון איהר
אָרט און איז אוועק צו זיך אין צימער, ניט געבענדיג מיר די האַנד און
ניט אַ קוק טהאָנדיג אויף מיר.

— הערט אויס — האט זי מיך פלוצים איבערגעשלאגען — צו קומט איהר ניט פון קאלאסאוו'ן ?

דער דאזיגער נאמען, דער דאזיגער ציטערענדיגער פרענענדיגער קול, דער האלב־פרעהליכער, האלב־שעהמעוודיגער אויסדרוק אין איהר פנים, די דאזיגע אלע סמנים פון איהר ליעבע צו יענעם — האבען פערוואונדעט מיין הארץ. איך האב בעשלאסען איינס פון ביידע: אדער צוצושיידען זיך מיט ווארי'ן, אדער צו פערטרייבען אויף אימער פון איהרע ליפען דעם פערהאסטען נאמען קאלאסאוו.

איך געדענק ניט קלאר, וואס איך האב דעמאלט געזאגט, צו־ערשט, הפנים, האב איך זיך אויסגעדריקט ניט גאנץ קלאר, ווארום זי האט מיך א היבשע צייט ניט פערשטאנען; צום סוף, האב איך ניט אויסגעהאלטען און כמעט אנגעהייבען צו שרייען: „איך האב אייך ליעב. איך וויל אייך הייראטהען...“

— איהר ווילט מיך הייראטהען ? — האט ווארי פערוואונדערט געפרעגט.

מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי וויל אויפהייבען זיך, אוועק־געהן, אפזאגען מיר.

— אום גאטעס ווילען — האב איך ארויסגעשטאמעלט מיט א פער־כאפטען אטהעם — ענטפערט מיר ניט: ניט יא און ניט ניין; טראכט אפריהער ארום; מארגען קום איך נאך אן ענטפער... איך ליעב אייך שוין לאנג. איך פערלאנג ניט פון אייך קיין ליעבע, איך וויל זיין אייער בעשיצער, אייער פריינד, ענטפערט מיר ניט יעצט... ביז מארגען...

מיט די דאזיגע ווערטער בין איך ארויסגעלאפען פון'ם צימער.

יענע נאכט האב איך שלעכט געשלאפען, האב אלץ געטראכט: וואס וועט זיין, אז זי זאגט מיר אפ. דאן בין איך פערלארען, פער־לארען! — האב איך גע'טענה'ט מיט פערצווייפלונג.

עס איז אנגעקומען דער פייערליכער מאמענט. איך בין אוועק־געפאהרען צו ווארי'ן נאך'ן ענטפער. מיין אויפרעגונג איז געוועזן אזוי גרויס, אז דערזעהענדיג סידארענקא'ס הויז, בין איך ארונטערגעקרא־בען פון דער דראושקע, האב צוגעפנומען א קייקעלע שנעע און צו־געדריקט זיך צו איהם מיט'ן פנים. די פיס האבען זיך ביי מיר אונטער־געהאקט; איך בין קוים ארויף אויף'ן גאניק.

איך האב געטראפען ווארי'ן מיט מאטרענא סעמיאנאוונא'ן אין'ם עס־צימער. איך האב זיך אונגעשיקט פערניינט און זיך צוגעזעצט צו דער אלטער. ווארי האט אויסגעזעהן בלייבער ווי געוועהנליך... מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי מיידעט אוים צו קוקען אויף מיר... און מיט אמאל האט זיך די אלטע אויפגעהויבען און איז אוועק אין א צווייטען צימער... איך בין געבליבען אליין מיט ווארי'ן... איך

סאוו'ן I . . . איך בין זיך מודה. אַ סך ביטערע מינוטען האָב איך דעמאָלט איבערגעלעבט. עס איז דערנאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך פלעג אויפציטערען ביי די ווערטער: „געדענקסט איהר," מיט וועלכע עס פלעגט זיך אָנפאַנגען כמעט יעדעס געשפּרעך איהרס.

מיין לאַגע איז געוואָרען אונערטרעגליך. די סאַמע ניעדריגסטע ליידענשאַפטען האָבען זיך צוברענט אין מיין נשמה; איך האָב גענומען בערייזען קאַלאַסאוו'ן פאַר וואַריאַ'ן. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט אַ סוף צו מאַכען צו אַזוינע אונערטרעגליכע בעציהונגען. אָבער ווי אַזוי? צושיידען זיך מיט וואַריאַ'ן האָב איך ניט געקענט . . . ערקלערען זיך פאַר איהר — האָב איך ניט געוואַגט; איך האָב געפיהלט, אַז דערווייל קען איך ניט האָפען אויף איהר געגענליעבע. הייראַטהען מיט איהר . . . דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך געשראָקען; איך בין ערשט אַלט געווען אַכצעהן יאָהר; מיר איז געוואָרען מורא'דיג פון דעם געדאַנק אַזוי פריה צו בעגראָבען מיין גאַנצע צוקונפט; איך האָב זיך דערמאַנט אָן דעם פאַטער. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי די חברים וועלען פון מיר לאַכען . . . אָבער מען זאָגט, אַז יעדער געדאַנק איז ווי טייג. מען דאַרף איהם נור גוט אַ קנעט טהאָן, קאָן מען פון איהם אַלסדינג מאַכען. גאַנצע טעג האָב איך געטראַכט וועגען הייראַטהען . . . איך האָב זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי דאַנקבאַר וועט מאַריאַ מיר זיין, ווען איך, דער חבר און פערטרויטער פון קאַלאַסאוו'ן, וועל איהר פאָרשלאָגען צו הייראַטהען מיט מיר, טראָץ דעם, וואָס איך ווייס, אַז זי איז האָפנונגסלאָז פערליעבט אין אַנאַנדערן . . . אין די געדאַנקען האָב איך שוין געזעהן, ווי איהר דאַנקבאַרקייט צו מיר געהט איבער אין פריינדשאַפט און ווי די פריינדשאַפט אין ליעבע . . . איך האָב אָנגעהויבען אויסצומיידען קאַלאַסאוו'ן. צום סוף, אין אַ שעהנעם ווינטערדיגען טאָג האָב איך זיך אויסגעפּוצט אין מיינע בעסטע קליידער און בין אוועקגעפאָהרען צו סידאָרענקאָ'ן. וואַריאַ איז געזעסען אַליין אין זאַאל און געלעזען קאַראַמזין'ען.*) דערזעהן מיך, האָט זי פּאַמעליכעל אַוועקגעלייגט דעם בוך אויף די קניע און מיט אַן אונרוהיגער נייגעריגקייט אַ קוק געטהאָן מיר אין פּנים אַריין. ביז דעמאָלט בין איך נאָך קיינמאָל צו זיי אין דער־פריה ניט געקומען . . . איך האָב זיך צוגעזעצט צו איהר. מיין האַרץ האָט פּיינליך געקלאַפּט.

— וואָס לעזט איהר? — האָב איך געפרעגט.

— קאַראַמזין'ען.

— איך אינטערעסירט די רוסישע היסטאָריע? . . . — האָב איך געפרעגט.

---

*) ערשטער פערפאַסער פון דער רוסישער היסטאָריע. ל. פ.